34 און פעטרוס האָט צו אים געזאָגט: ענעאַס, ישוע
המשיח מאַכט דיך געזונט; שטיי אויף און מאַך
דיר דאָס בעט! און ער איז גלייך אויפגע־
35 שטאַנען. און אַלע איינוואוינער פון לוד און שרון
האָבן אים געזעען און האָבן זיך געקערט צום האַר
(אין גלויבן).
36 און אין יפו איז געווען אַ תלמידה מיטן נאָמען
טביתא, אויף אַ (גריכישער) איבערזעצונג האָט
מען זי גערופן דאָרקאַס; זי איז געווען פול מיט
מעשים טובים און צדקות, וואָס זי האָט געטון.
37 און עס איז געשען אין יענע טעג, (דאָס) זי איז
קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און מען האָט זי
אָפּגעוואַשן און געלייגט אין אַן אויבערשטיבל.
38 און אַזוי ווי לוד איז נאָנט בײַ יפו, ווייל די תלמידים
האָבן געהערט, אַז פעטרוס געפינט זיך דאָרטן,
האָבן זיי געשיקט צוויי מענער צו אים און געבעטן:
39 זאַם דיך נישט צו קומען צו אונדז. און פעטרוס
איז אויפגעשטאַנען און מיטגעגאַנגען מיט זיי.
ווען ער איז אַהינגעקומען, האָבן זיי אים אַרויפ־
געפירט אין אויבערשטיבל אַריין; און אַלע אלמנות
האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, וויינענדיק
און ווייזנדיק אים העמדער און קליידער, וואָס
דאָרקאַס האָט געמאַכט, ווען זי איז נאָך געווען מיט
40 זיי. פעטרוס אָבער האָט אַלעמען אַרויסגעשיקט
אינדרויסן, האָט געבויגט די קניען און תפילה
געטון, און זיך דאַן געווענדט צום קערפער און
געזאָגט: טביתא, שטיי אויף! און זי האָט אויפגע־
מאַכט אירע אויגן, און זעענדיק פעטרוסן, האָט זי
41 זיך אויפגעזעצט. און ער האָט איר געגעבן די
האַנט און זי אויפגעשטעלט, און גערופן די קדושים
און די אלמנות, און זי אַוועקגעשטעלט פאַר